בס"ד

# עונג שבת

## פרשת בשלח תשס"ד

גוט שבת אלע אידן. היטן שבת איז איינע פון די וויכטיגסטע יסודות פון אמונה. ווען א איד ארבעט נישט אין שבת קודש, ווייזט ער אז ער גלייבט אז דער באשעפער וועט אים געבן גענוג פרנסה אין די וואך, כדי צו דעקן דעם איין טאג פון וואך וואס ער ארבעט נישט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "...על כן הוא נתן לכם ביום הששי לחם יומים וגו'" צוליב דעם אין ערב שבת גיבט דער אויבערשטער צו אייך ברויט פאר צוויי טעג. (שמות יג,כט) די פאלגענדע מעשה צייגט די ריכטיגע אמונה וואס א איד דארף האבן וועגן נישט ארבעטן שבת.

משה גאלדמאן (נישט זיין עכטע נאמען) איז געקומען פון אייראפא קיין אמעריקע בערך 100 יאר צוריק. אזוי ווי עס איז באקאנט, אסאך אידן זענען געקומען דעמאלט קיין אמעריקע צוליב דעם גרויסען ארעמקייט און די רדיפות פון די גוים וואס האט זיך פארשפרייט צווישן די אידישע קהילות אין מזרח–אייראפא. צווישן די אידן וואס זענען געקומען זענען געווען משה מיט זיין משפחה.

אסאך אידן זענען געקומען קיין אמעריקע צו טרעפן פונקט דעם זעלבן שווערן מצב ווי אינדערהיים לגבי פרנסה. ליידער איז געווארן דערפון א גרויסע נסיון בנוגע היטן שבת. ווייל איינער וואס האט נישט מסכים געווען צו ווערן א מחלל שבת, איז אפגעזאגט געווארן פון דער ארבעט. משה האט געהערט אז אין אמעריקע זענען אידן נעבאך אראפ פון אידישן וועג ווייל זיי האבן נישט בייגעשטאנען דעם נסיון פון נישט ארבעטן שבת. אבער, משה און זיין משפחה האבן זיך אונטערגענומען אז זיי וועלן אייביג היטן שבת אין אמעריקע, אפילו אויב דער נסיון וועט זיין גרויס. מיט דעם פעסטקייט זענען זיי אנגעקומען קיין ניו יארק.

משה האט שנעל געטראפן ארבעט, ב"ה. אבער, ליידער איז ער אפגעזאגט געווארן פון אסאך ארבעט פלעצער ווייל ער האט נישט מסכים געווען צו ארבעטן אין שבת קודש.

בקיצור, דער מצב איז געווען שווער. משה איז געגאנגען זוכן ארבעט יעדען טאג, אבער, קיינער האט אים נישט געוואלט נעמען ווייל ער האט נישט מסכים געווען צו ארבעטן זיבען טעג א וואך. (דעמאלט האבן די גוים געארבעט זיבען טעג א וואך, יעצט ארבעטן זיי נאר פינף טעג א וואך.)

משה האט שוין לאנג נישט באצאלט דעם "רענט." וועגן דעם איז ער נישט איבעראשט געווארן צו טרעפן פאפירען פון דעם בעל הבית פון דעם בנין, ווען ער איז אהיימגעקומען איין טאג. ער האט דורכגעקוקט די פאפירען. אפילו ער האט נישט געקענט ליינען ענגליש אזוי גוט, האט ער אבער פארשטאנען וואס די פאפירען מיינען... דער בעל הבית פון דעם בנין וועט זיי ארויסשיקן פון דער דירה דעם ערשטען טאג פון קומענדיגן חודש, ווייל זיי האבן נישט באצאלט די "רענט."

משה איז געגאנגען צום בעל הבית וואס איז געווען א גוי. חאטש דער בעל הבית האט געהאט רחמנות אויף משה, האט ער דאך נישט מסכים געווען צו לאזן משה און זיין משפחה בלייבן אין די דירה אן באצאלט. אבער, דער בעל הבית האט פארגעשטעלט פאר משה א פשרה, משה און זיין משפחה דארפן ארויסגיין פון דער דירה, אבער דער בעל הבית האט זיי געלאזט גיין וואוינען אין דעם קעלער. באין ברירה, האט משה מסכים געווען, און די גאנצע משפחה איז געגאנגען וואוינען אין דעם קעלער באלד דערנאך.

עס איז געווען אבער איין גרויסע פראבלעם. די קעלער איז געווען א טינקעלע שמוציגע פלאץ, וואו עס איז כמעט נישט ארייגעקומען קיין פרישע לופט. נישט נאר דאס אבער די נייע "דירה" איז באמת געווען דעם קוילן שטוב פון דעם בנין. (אין יענע יארן פלעגן זיי פארברענען קוילן פאר הייצונג אין די בניינים.) פארשטייט זיך אז שווארצע שטויב איז צוגעקלעבט געווארן צו אלע קליידער און כלים וואס זיי האבן געהאלטן אין שטוב. די שווארצע שטויב איז אפילו געווען אויף די פנימער פון משה'ס קינדער!

איין טאג, איז געפארן אויפן גאס לעבן משה'ס "דירה" א פרייער אידישער גביר וואס האט געהייסן מארק בוקמאן. בשעת זיין קאר איז געפארן דארט, האט דער גביר ארויסגעקוקט פונעם פענסטער און ער האט געזען אן אינטערעסאנטע זאך: צוויי שווארצע קינדער גיין אויפן גאס מיט קאפעלעך! מר. בוקמאן האט נישט געגלייבט וואס ער זעט. ער האט געהייסן אז מען זאל אפשטעלן דעם קאר, כדי ער זאל קענען זיך אינטערעסירן וועגן די שווארצע אידישע קינדער.

די קינדער האבן מסביר געווען פאר דעם גביר וועגן זייערע שווערע מצב אין שטוב. דער גביר האט יעצט פארשטאנען פארוואס זיי קוקן אויס אזוי שווארץ. ער האט געבעטן פון די קינדער אז זיי זאלן אים ברענגען צו זייערע דירה, כדי ער זאל קענען אליינס זען דעם מצב. ווען דער גביר איז אנגעקומען צו דער "דירה" האט ער געזען אז די קינדער זאגן די אמת. ער האט ארויסגענומען זיין טשעק בוק און ער האט געשריבן א טשעק פאר $5000, א סכום וואס איז אין יענע יארן גענוג געווען אויסצוהאלטן א משפחה פאר א גאנצע יאר! משה איז נישט געווען אינדערהיים, וועגן דעם האט איינער פון די קינדער גענומען דעם טשעק און ער האט עס איבערגעגעבן פאר זיין מאמע וואס האט באדאנקט דעם גביר.

ווען משה איז אהיימגעקומען האט זיין בני בית פארציילט די גאנצע מעשה וועגן די געלט. משה האט גלייך געזאגט פאר זיין פרוי, "מיר קענען עס נישט נעמען... דו ווייסט ווער דער גביר מארק בוקמאן איז, ער איז א מחלל שבת. מיר לעבן אין אזא שווערע מצב נאר צוליב דעם כבוד פון שבת קודש. מיר קענען נישט נעמען יעצט געלט פון א איד וואס איז מחלל שבת!"

דעם נעקסטען טאג, מיט דעם טשעק אין האנט, איז משה געגאנגען צום גביר'ס פאבריק. מר. בוקמאן איז ערשטוינט געווארן ווען משה האט צוריקגעגעבן דעם טשעק. מר. בוקמאן האט פרובירט איינצורעדן משה אז ער זאל נעמען דעם געלט, ווייל מר. בוקמאן האט זייער רחמנות געהאט אויף משה און זיין משפחה.

אפילו דער מצב איז געווען ענג אין שטוב, האט משה נישט מסכים געווען צו נעמען דעם געלט. ער איז ארויסגעגאנגען פון דעם גביר'ס אפיס לאזענדיק דעם טשעק אויף זיין טיש.

די נאכט איז מר. בוקמאן אהיימגעגאנגען מיט א שווערן הארץ. ער האט דערציילט פאר זיין פרוי וואס איז געשען מיט משה. משה'ס עקשנות וועגן שבת האט געמאכט א שטארקן איינדרוק אויף מר. בוקמאן. דער גביר איז געווארן מוראדיק צובראכען ווייל ער האט אנגעהויבן צו טראכטן וועגן זיין אייגענע אידישקייט. מיט טרערן אין זיין אויגען האט מר. בוקמאן זיך דערמאנט ווי ער און זיין פרוי האבן אויך אמאל געהיטן שבת. איין וואך בערך צען יאר פריער ווען די פרנסה איז געגאנגען שווער, האבן זיי געלאזט אפען די געשעפט אין שבת קודש, דער אויבערשטער זאל אפהיטן! צוביסלעך האבן די בוקמאנס אינגאנצען פארלאזט אידישקייט, ה' ירחם...

די נעקסטע וואך האט מר. בוקמאן באזוכט משה אינדערהיים. מר. בוקמאן האט איבערגעגעבן דעם $5,000 טשעק מיט א גרויסן שמייכל. "איך מיין אז מיר האבן פריער גערעדט וועגן דעם..." האט משה געזאגט. "לעצטע וואך," האט מר. בוקמאן אנגעפאנגען צו זאגן, "ווען דו האסט צוריקגעגעבן דעם טשעק, האט עס מעורר געווען אין מיך די זיכרונות וואס ליגען אין מיין הארץ שוין צען יאר. דו ווייסט וואס? מיין פרוי און איך זענען אויך געווען שומר שבת אמאל. לעצטע וואך ערב שבת א שעה פאר שקיעה, האבן מיר מודיע געווען פאר די ארבעטערס אין דעם פאבריק אז דער פאבריק וועט זיין פארמאכט ביז זונטאג אינדערפרי! נאכדעם בין איך אהיימגעקומען און איך האב געזען ווי מיין פרוי צינדט שבת לעכט פאר די ערשטע מאל אין צען יאר. דאן האב איך געשפירט אזוי ווי איך בין סוף כל סוף אהיימגעקומען נאך א לאנגע נסיעה!" דאן האט משה מסכים געווען צו נעמען דעם טשעק. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר טובי' וואלפבערג הי"ו לרגל שמחת נשואי בנו דוב בשעטומ"צ • לע"נ לאה בת ר' דוד ע"ה ח"י שבט תשד"מ
מזל טוב להרה"ג יוחנן וואזנער שליט"א לרגל שמחת נשואי בנו בשעטומ"צ • מזל טוב להחתן יוסף פריעדער הי"ו לרגל שמחת אירוסיו בשעטומ"צ
נתרם לרפואה שלימה של שאשא מלכה בת גאלדא בתוך שאר חולי ישראל • לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר' דוד ע"ה כ' שבט תשס"ג
שתיקה יפה בשעת התפילה "כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן." (שבת קיט:)
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)